5 איך בין געווען מיט אייך. און איצט גיי איך צו אים,
וואס האט מיך געשיקט; און קיין איינער פון אייך
6 פרעגט מיך נישט: וואוהין גייסטו? נאר ווייל איך
האב דאס גערעדט צו אייך, האט עצבות אנגעפילט
7 אייער הארץ. איך זאג אייך אבער דעם אמת: עס
איז גוט פאר אייך, אז איך גיי אוועק; ווארום אויב
איך זאל נישט אוועקגיין, וועט דער פרקליט
בשום אופן נישט קומען צו אייך; און אויב איך גיי
8 יא, וועל איך אים שיקן צו אייך. און ווען ער וועט
קומען, וועט ער איבערצייגן די וועלט וועגן זינד
9 און וועגן צדקות און וועגן משפט: וועגן זינד,
10 ווייל זיי האבן נישט געגלויבט אין מיר; און
וועגן צדקות, ווייל איך גיי צום פאטער, און
11 איר וועט מיך מער נישט זען; און וועגן משפט,
ווייל דער שר פון דער דאזיקער וועלט איז געמשפט
12 געווארן. נאך א סך האב איך אייך צו זאגן, נאר
13 איר קענט עס איצט נישט דערטראגן. דאך ווען
ער וועט קומען, דער גייסט פון אמת, וועט ער אייך
פירן אין דעם גאנצן אמת אריין; ווארום ער וועט
נישט רעדן פון זיך אליין, נאר אלץ, וואס ער הערט,
וועט ער רעדן; און ער וועט אייך אנזאגן דאס,
14 וואס דארף ערשט קומען. ער וועט מיך פארהערלעכן,
ווייל ער וועט באקומען פון דעם, וואס איז מיין און
15 וועט עס אייך דערקלערן. אלץ, וואס דער פאטער
האט, איז מיין; דערפאר האב איך געזאגט, אז ער
נעמט פון דעם, וואס איז מיין, און וועט עס אייך
16 אנזאגן. נאך א קליינע ווילע, און איר זעט מיך
מער נישט; און ווידער א קליינע ווילע, און איר
17 וועט מיך יא זען. אייניקע פון זיינע תלמידים האבן
דעריבער געזאגט איינער צום אנדערן: וואס איז
דאס דאזיקע, וואס ער זאגט אונז: א קליינע ווילע,